די אַלטע אַרבעט און רוט זיך אָפּ. דאָס וואַסער פֿון טײַכל אײַלט זיך און וויל זיך אויף קיין רגע נישט אָפּשטעלן. אויף קיין איין רגע נישט. גוואַלדיק פֿאַרנומען. פּונקט, ווי עס וואָלט וועלן פֿאַרשעמען דעם גרויסן גרינעם וואַלד, וואָס שטייט שטענדיק צוגעשמידט צו דעם זעלבן אָרט און זינגט און קוויטשעט מיט די וועווריקעס.

שעם זיך, אַלטער גרויסער וואַלד!

אַזאַ שמאָל טײַכל איז שוין אויסגעוווען די גאַנצע וועלט און דו ביסט דאָ געבוירן און דאָ וועסטו שטאַרבן. שעם זיך, וואַלד!

עס דויערט לאַנג.

עס גייט אַזוי כּסדר די מאָנאָטאָנע שטילקייט און די מאָנאָטאָנע אַרבעט…

פּלוצלינג דערהערט זיך אַ ליד פֿון יענער זײַט וואַלד:

רייזקע זיצט אין פֿענצטער
און אסתּר גייט פֿאַרבײַ.
— אסתּרקע, וואָס מאַכסטו?
— מײַנער איז נישט טרײַ.

דאָס זינגט אַ יונג פֿרויען־קול. די לעצטע פּאָר ווערטער כאַפּט אונטער דער עכאָ און טראָגט זיי אַוועק איבער די ביימער.

„מײַנער איז נישט טרײַ“.

די אַלטע וועשוואַשערין הייבט אויף דעם קאָפּ און נעמט רופֿן…

— צילקע, צילקע, קום שוין אַ מאָל נענטער.

— האָ, איך גיי!

פֿון אונטער די ביימער באַווײַזט זיך צילקע אַ באָרוועסע מיט אַ רויט לײַכט קליידל אויף די אַקסלען, זי שפּרינגט אַריבער דאָס טײַכל און קומט צו צו דער אַלטער.

— נעם און הענג אויף די עטלעכע שטיקלעך, — זאָגט די אַלטע מיט בייזקייט.

— די מומע ניכע איז בייז? — פֿרעגט צילקע, נאָר זי וואַרט נישט אויף קיין ענטפֿער. זי לייגט אַרויף אויף די הענט די אײַנגעפּרעסטע שטיקלעך וועש און גייט צו די ביימער מיט די שטריק.

דערבײַ רעדט זי צו זיך אַליין.

— די מומע ניכע איז בייז, דער טאַטע איז בייז, שלמה דער שרײַבער איז בייז, אַלע זענען בייז, אַלע זענען פֿאַרנומען און אין כּעס…

דערבײַ דערלאַנגט זי זיך אַ זיפֿץ און נעמט ווידער זינגען...

רייזקע נעמט זי טרייסטן
און אסתּר ווײנט זיך אויס...
— וואַרט אויף מיר בײַם טויער
איך גיי צו דיר אַרויס...

דערנאָך ווען זי הענגט שוין אַלצדינג אויף, גייט זי צו צום טײַכל און נעמט שווענקען די פֿיס.

מיט אַזאַ ברוגז, מיט אַ קאַפּריזנער מינע פּאַטשט זי אין וואַסער מיט די פֿיס, פּונקט ווי דאָס וואַסער וואָלט אין עפּעס שולדיק געווען.

זי האָט אַ רונד געזיכט מיט בלאָנדע האָר, זי האָט גרוילעכע אויגן מיט ברוינע ברעמען איבער זיי. און בעת אויף איין זײַט פֿון די ליפּן ליגט בייזקייט און קאַפּריז, שפּילט זיך אויף דער צווייטער זײַט פֿון די ליפּן אַן אײַנגעהאַלטענער שמייכל.

צילקע באַדאַרף זײַן אַלט אַ יאָר נײַנצן, נאָר זי האָט נאָך אין זיך פֿיל פֿון אַ זעכצן־יעריק מיידל, זי וואָלט נאָך וועלן גוט אַ שטיף טאָן.

איצט האָט שוין די מומע ניכע געענדיקט איר אַרבעט און זי פֿרעגט:

— ווּ ביסטו געווען, צילקע?

— אין גוראַלניע, איך האָב געזוכט שלמהן, ער פֿאָרט אין שטאָט, איך האָב געוואָלט אַ בריוו שיקן.

— צו וועמען? — שטייט צו די אַלטע, — צו אים? האַ!

— צו אים! צו אים! — רייצט זיך מיט איר צילקע און פּאַטשט מיט די פֿיס אין וואַסער. אַ גאַנצע קאַסקאַדע מיט שוימטראָפּנס שפּריצן.

— ער האָט דיך שטאַרק אין זינען סאַשע, עס פֿעלן אים אין שטאָט מיידלעך, האַ!

— ער זאָגט, אַז ער וועט די גאַנצע שטאָט אַוועקגעבן פֿאַר איין שמייכל פֿון מיר, מומע! זאָג מיר, איך פֿאַרשטיי נישט פֿאַר וואָס האָט ער אַזוי ליב מײַן שמייכל...

— ביסט אַ קעלבל נאָך, ביסט נאָך גאָר אַ קעלבל. דו געפֿעלסט אים, און אַז מען געפֿעלט — איז שוין אַלץ גוט...

— מומע ניכע, ער האָט מיר דערמלט, ווען ער איז געווען דעם לעצטן מאָל, געזאָגט, אַז ווען איך זאָל וועלן — נעמט ער מיך צו אין שטאָט און ער וועט מיך שוין קיין מאָל נישט פֿאַרלאָזן...

— נאַרעלע...

— ניין, מומע, צוליב וואָס קומט ער דאָ? זײַן טאַטנס געשעפֿטן אינטערעסירן אים? וואָס? מען מעג אויסהאַקן אַלע וועלדער, מען מעג זיי לאָזן — אים איז אַלץ איינס, ער קומט צוליב מיר...

— נאַרעלע, און וואָס וועט טאַקע זאָגן זײַן טאַטע, אַזאַ גבֿיר! וואָס וועט זאָגן די גאַנצע משפּחה זײַנע? מען וועט אים לאָזן חתונה האָבן מיט אַ משרתס אַ טאָכטער... לאָז נאַרעלע, קום אַרײַן אין שטוב, מען מוז שוין באַלד קומען פֿון גוראַלניע...

ביידע פֿרויען גייען אַוועק פֿון טײַכל, דער וואַלד שווײַגט און זינגט, זינגט און שווײַגט און דאָס טײַכל מורמלט.

צילקע איז עפּעס פֿאַרטראַכט, נאָר מיט אַ מאָל נעמט זי ווידער זינגען...

וויש אָפּ דײַנע טרערן
און קעם צו דײַנע האָר, —
זאָל דײַן חתן מיינען,
אַז דו מײַדסט אים גאָר...

מיט די לעצטע ווערטער לויפֿט זי שוין אַרײַן אין שטוב.

די רויטקייט פֿון איר קליידל פֿאַרשווינדט פֿון גרינעם וואַלדפּאָן.

שטיל־שטום.

אַרום איז נישטאָ קיין לעבעדיקער נפֿש. אַלע ביימער ציִען זיך נאָך שטאַרקער אויס, דער וואַלד איז געבליבן פֿאַר זיך און אין זיך...

אָט באַלד וועט זיך דאָס וואַסער פֿון טײַכל אָפּשטעלן, דיביימער וועלן זיך אויסציִען אויף דר׳ערד, ווי אַ מידע זאַטע סטאַדע…
מיט אַ מאָל שנײַדט דורך די שטילקייט אַ געשריי פֿון אַ וועווריק, אַזאַ ווילדער קעציִשער געשריי שנײַדט דורך די לופֿט…
און אַ ביסעלע שפּעטער הערט מען שוין שרײַען דעם קוקוק.
עס לעבט דער וואַלד, לעבט אָן מענטשן, אָן טומל…
קיין ווינטל רירט נישט די ביימער, בלויז אין עטלעכע ערטער האָט זיך אײַנגעעגבערט די זון און זי סמאַליעט די ביימער…
דאָ און דאָרט נעמען רינען גאָלדענע פּעכטראָפּנס, דורכזיכטיקער בורשטין…
פֿון דעם און יענעם בוים פֿאַלט אַראָפּ אַ שישקע. פֿריש און צײַטיק לייגט זי זיך אויס אויף דר׳ערד…
עס דויערט לאַנג דאָס זינגענדיקע שווײַגן, ביז צילקע נעמט ווידער זינגען. פֿון דעם אָפֿענעם פֿענצטער גיסן זיך טענער:

רייזקע גייט שפּאַצירן —
אסתּר גייט מיט איר,
ביסטו אַ שיין מיידל —
אַזאַ יאָר אויף מיר…

די מומע ניכע גייט אַרום צווישן די ביימער און פֿאַרריכט די שטריק, אויף וועלכע די וועש טריקנט זיך.
זינגט צילקע, קוקט דאַן די מומע ניכע צו דער שטוב צו און שאָקלט צו מיטן קאָפּ.
צי זי איז בייז — די מומע ניכע, צי זי האָט אַ שווער פֿאַרזאָרגעניש, זי זיפֿצט.
אייגנאַרטיק איז זי דאָ אויסגעוואַקסן, די צילקע, אין וואַלד.
צווישן שווײַגנדיקע און איינזאַמע מענטשן. די מומע ניכע הייסט בלויז אַזוי. זי איז איר נישט קיין מומע. נאָר אַ ווײַטע קרובֿה, וועלכע צילקעס טאַטע האָט צוגענומען צו זיך אין שטוב, זי זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט דער יתומה. צילקעס מאַמע איז געשטאָרבן, ווען צילקע איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע. די מומע איז געווען אַ דינסט, אַ בעל־הביתטע בײַ זיי.
ניכע איז געווען אַן אַלמנה, אָן קינדער, אָן אַ היים. איין טרייסט האָט זי געהאַט. צילקע איז געוואָרן איר גאַנץ לעבן און זי האָט פֿיל געליטן, ווען צילקען האָט מען אַוועקגעפֿירט קיין גראָדנע לערנען. דעמלט איז איר פֿאַרבליבן איין זאַך: דער טײַטש־חומש. שבת, ווען אין וואַלד איז שטיל געווען, פֿלעגט זי זיך אָנטאָן איר שאַל אויף די אַקסלען, עס האָט געמעגט זײַן ווי הייס. דעם טערקישן שאַל האָט זי געמוזט אָנטאָן און דעם טײַטש־חומש פֿלעגט זי אויפֿעפֿענען אין לייענען ביז פֿינצטער. זיצן אַזוי בײַם פֿענצטער און לייענען. און אַז זי פֿלעגט אָנטרעפֿן אויף אַזאַ מעשׂה פֿון רחל־לאה, פֿלעגט זי גיסן טרערן און דער וואַלד האָט צוגעזונגען…
איסר, דער וואַלד־משרת, איז געווען אַ שווײַגנדיקער ייִד, ער האָט זייער ליב געהאַט זײַן פֿאַרשטאָרבן ווײַב און עס האָט אויסגעדוכט, אַז ער גייט אַרום מיט אַ שטילן כּעס אויף גאָט: פֿאַר וואָס האָט ער זי צוגענומען. אַזאַ שטילער ייִד איז איסר. קאָן אַ ביסל תּורה און אָרנטלעך איז ער: מיליאָנען קאָנט איר אים אָנפֿאַרטרויען…
דוכט זיך, אַז ער האָט געטראַכט בײַ זיך, אַז גאָט איז נישט אַלע מאָל גערעכט.
איבער די וועלדער איז איסר אַרומגעפֿאָרן, אַ ברודנעם ביכל האָט ער געהאַלטן אין דער קעשענע און אין דעם דאָזיקן ביכל פֿלעגט ער פֿאַרנאָטירן גרויסע חשבונות פֿאַר די לוריעס, די וואַלד־סוחרים. אין גראָדנע האָבן זיי דאָרט געהאַט, די לוריעס, אַ גרויס קאַנטאָר מיט אַ סך משרתים, מיט בוכהאַלטאָרן… אָבער ער, איסר, פֿלעגט עס מאַכן גאַנץ פּשוט — אין זײַן קעשענע־ביכל איז געלעגן זײַן גאַנצע קאַנצעלאַריע…
און געשעפֿטן זענען געווען גרויסע, ריזיקע. מען האָט געפֿירט קיין אויסלאַנד. דײַטשן פֿלעגן אַראָפּפֿאָרן אין די דאָזיקע וועלדער און דער שווײַגנדיקער ייִד פֿלעגט זיי אַלץ דערקלערן מיט אַ צעבראָכענעם דײַטש.
נאָר עס האָט אַלעמען אויסגעדוכט, אַז איסר האָט זיך זײַן מחשבֿה און די אַלע געשעפֿטן, — די לוריעס מיט די דײַטשן — דאָס איז אַלץ אַ נעבנזאַך.

שבת פֿלעגט ער אַרײַנקוקן אין אַ ספֿר אָדער אַרומשפּאַצירן אין וואַלד. — ווען צילקע איז געווען אין דער היים פֿלעגט ער דעם וואַלד נישט אַזוי אָפֿט פֿאַרלאָזן, נאָר בעת צילקע איז איין מאָל אַוועקגעפֿאָרן קיין גראָדנע, איז יענע טעג פֿלעגט ער אַוועק קיין מסטיבאָווע אָדער קיין פּרודנע צום אַרענדאַר שמואל און דאָרטן האַלטן שבת. ניכע פֿלעגט בלײַבן אַליין אין וואַלד, אַליין מיטן טײַטש־חומש. זי פֿלעגט זיך פֿילן זייער איינזאַם, נאָר אָפֿט פֿלעגט טרעפֿן, זי פֿלעגט אויפֿהייבן די אויגן פֿון טײַטש־חומש און אַרײַנקוקן אין וואַלד, אין דער גרינקייט אַרײַן און איר נשמה, האָט אויסגעדוכט, זינגט אויך, ווײַל גאָט האָט שבת געהאַלטן אין וואַלד... יעדער בייג פֿון אַ צווײַגל, יעדער שאָרך פֿון אַ גרעזל איז הייליק געווען. אין שטראַלן איז געווען אײַנגעפֿלאָכטן דער וואַלד, אין הייליקע קלאַנגען פֿאַרוויגט.

עס איז געווען נאָך אַ מענטש, אַ נאָענטער, מיט וועלכן צילקע פֿלעגט זיך יעדן טאָג באַגעגענען, — שלמה פֿון גוראַלניע. ער האָט אין מסטיבאָווע געהאַט אַ גרויסע פֿאַמיליע מיט אַ קראַנק ווײַב, שטענדיק איז זי גרין געווען און שטענדיק געהאַלטן אין שטאַרבן, נאָר געשטאָרבן איז זי נישט און יעדעס יאָר געבוירן אַ קינד. שלמה האָט געהאַט אין דער היים אַ סך צרות. אין וואַלד האָט ער געאַרבעט און געשוויגן.

צילקע פֿלעגט דורך אים שטענדיק עפּעס באַזאָרגן אין שטאָט. נאָר פֿאַרברענגען, רעדן מיט וועמען האָט זי נישט געהאַט. בלויז מיט דער מומע ניכען פֿלעגט זי רעדן און פֿאַרטרויען אַ מאָל אירע געדאַנקען. די מומע ניכע פֿלעגט אויסהאַלטן אַלע אירע קאַפּריזן.

און גאָט האָט זי געבעטן, אַז ער זאָל אָפּהיטן די יתומה.

אין וואַלד, אַ ביסל ווײַטער, האָבן אויך געלעבט עטלעכע קריסטלעכע פֿאַמיליעס: אַ שאָסיי־שומר און אַ וואַלד־שומר. פֿלעגן אַוועקגיין חדשים און קיין אַנדערע מענטשן האָט מען דאָ נישט געזען און נישט געהערט.

דאָס טײַכל האָט בלויז גערוישט און דער וואַלד האָט פֿון באַגינען ביז בײַ נאַכט געזונגען און געשריגן:

„קוקו“ „קוקו“ „דזשיו“ „דזשיו“ „קראַ“.

צילקע האָט אַלע טענער פֿון וואַלד געוווּסט. אין דעם ציטער פֿון די ביימער פֿלעגט זי שוין דערקאָנען, ווען עס באַדאַרף אָנקומען אַ שטורעם... און ליב האָט זי געהאַט אין אַזאַ מאָמענט, בעת איבערן וואַלד האָט געדונערט... ליב האָט זי געהאַט זיך אַוועקצושטעלן אונטער די ביימער און אויסהערן אַלע קלעפּ פֿון הימל, — ציטערן, מורא האָבן און נישט אַוועקגיין... די מומע ניכע פֿלעגט פֿון חדר רופֿן צילקען און יענע פֿלעגט ענטפֿערן מיט אַ געלעכטער. און אויסדוכטן פֿלעגט דאַן, אַז זי לאַכט מיט דעם וואַלד אין איינעם: זאָל זיך דונערן — דער וואַלד וועט בלײַבן, די וועלט וועט בלײַבן.

איסר האָט ליב געהאַט זײַן טאָכטער, נאָר זי אַליין האָט עס ערשט שפּעטער פֿאַרשטאַנען. בעת זי איז נאָך יִנגער געווען האָט זי נישט געקאָנט פֿאַרשטיין — אַ טאַטע זאָל אַזוי שווײַגן צו זײַן קינד. אַן איין איינציק קינד האָט ער, אַ בת־יחידה, און טעג פֿלעגן אַוועקגיין, — ער האָט אַ וואָרט צו איר נישט אַרויסגערעדט, נאָר שפּעטער האָט זי דערזען, אַז דער טאַטע שווײַגט צו אַלעמען, אַפֿילו מיט דעם אַלטן לוריע, מיט זײַן בעל־הבית, רעדט ער אויך ווייניק: בלויז וועגן די געשעפֿטן...

און זי האָט זיך אויף דעם באַרויִקט. שווײַגט ער, דער טאַטע — זאָל ער שווײַגן. דער וואַלד שווײַגט דאָך אויך, די ביימער, די נאַכט, די ווינטערטעג. זי האָט געהאַט אַ סך שווײַגעניש אַרום זיך.

עפּעס ווי אַ ווײַטער אומפֿאַרשטענדלעכער עכאָ פֿלעגט פֿאַר איר אָפּהילכן די איבעריקע גרויסע וועלט: גראָדנע מיט די לוריעס, אַנדערע שטעט און אַנדערע מענטשן.

און בלויז אין געציילטע רגעס האָט זי געטראַכט פֿון דעם, פֿון יענעם לעבן, וואָס גייט דאָרטן... דאָרטן נאָך די וועלדער. זי פֿלעגט עס לאָזן פֿאַר דעם טײַכל, עס זאָל לויפֿן און גריסן די גאַנצע וועלט. זי פֿלעגט אַרומשפּרינגען אין וואַלד און מיט אירע ליכטיקע אויגן האָט זי געשעפּט אין זיך זײַן אייביקע גרינקייט, זײַן אייביקע יוגנט.

די לוריעס האָבן אין גראָדנע געשפּילט די גרעסטע ראָל. וועגן זייער רײַכקייט האָט מען דערציילט נסים. די קינדער זייערע האָבן זיך געלערנט אין אויסלאַנד און בלויז אויף זומער פֿלעגן זיי אַראָפּקומען אויף אַ קורצער צײַט קיין ליטע. אַ מאָל פֿלעגט טרעפֿן, אַז די גאַנצע פֿאַמיליע פֿלעגט קומען פֿון גראָדנע אין וואַלד מיט דינסטן, מיט קרובֿים און דאַן האָט עס געטומלט אין דעם שטענדיק רויִקן וואַלד. די צוגעמאַכטע צוויי הײַזער פֿלעגט מען עפֿענען און דאָרט פֿלעגן עס לעבן די רײַכע בעלי־הבתּים. צוויי מאָל אַ טאָג פֿלעגט די ליניקע לויפֿן אין שטאָט אַרײַן און ברענגען פֿון דאָרט די בעסטע שפּײַזן, ווײַנען, זיסקייטן.

יחסנים זענען זיי געווען, נאָר גוטמוטיקע מענטשן, נישט קיין שטאָלצע גבֿירים, זיי האָבן געטיילט נדבֿות און אויסגעהאַלטן צדקה־הײַזער.

און אַז זיי פֿלעגן אַראָפּקומען אין וואַלד אַרײַן, פֿלעגט די מומע ניכע זיי נאָכגיין מיט טרײַשאַפֿט און איבערגעגעבנקייט.

אַזעלכע יחסנים, אַזאַ רײַכקייט.

אין מסטיבאָווע פֿלעגט זי אײַנקויפֿן שפּײַז און אַלעמען דאָרט דערציילן:

— די לוריעס, די לוריעס זענען דאָ אין וואַלד.

און פֿון מסטיבאָווע פֿלעגן זיך שוין אַרײַנגנבֿענען יונגע־לײַטלעך, און אַפֿילו בעלי־הבתּים פֿלעגן קומען אין וואַלד אַרײַן: „אַ קוק טאָן אויף די לוריעס“.

די גאַנצע געגנט האָט געקלונגען מיט די גראָדנער גבֿירים. כּבֿוד האָט מען זיי אָפּגעגעבן, אַזוי ווי עס קומט זיי.

אין וואַלד פֿלעגן זיי קומען רוען און פֿאַרברענגען.

מיט דער קליינער צילקע פֿלעגן זיך אַלע שפּילן. זי האָט טאַקע דעמלט אויסגעזען ווי אַ וואַלדפֿייע. די האָר אירע האָבן זיך געקרויזט. אירע איצטיקע גרוילעכע אויגן זענען דעמלט בלאָ געווען. אַזאַ בלויקייט פֿאַרבלײַבט נישט בײַ דערוואַקסענע, — בלויז קינדער און מלאָכים האָבן אַזאַ פֿאַרב אין די אויגן...

צילקע האָט געוווּסט אַלע ווינקעלעך פֿון וואַלד און זי פֿלעגט עס אַרומפֿירן לוריעס קינדער: צום טײַכל, צו דער גוראַלניע, צום שאָסיי...

זי פֿלעגט גיין די ערשטע, די קינדער נאָך איר. די שטאָטישע קינדער האָבן זיך מורא געהאַט פֿאַרן וואַלד, מורא געהאַט צו בלײַבן אַליין און צילקע איז דאָ געווען בײַ זיך אין דער היים.

אַ באָרוועסע, מיט לאַכנדיקע אויגן פֿלעגט זי אַרומשפּרינגען אין די זומערטעג און זיך שפּילן מיט לוריעס קינדער. די טעג זענען פֿאַר איר געווען אַ יום־טובֿ. אַפֿילו דער טאַטע פֿלעגט אויפֿלעבן בעת לוריעס פֿאַמיליע האָט אין וואַלד געלעבט. ער האָט גענומען מער רעדן און מער זיצן אין דער היים.

די מומע ניכע פֿלעגט אָפּט זײַן אומצופֿרידן: ערשטנס פֿלעגט מען בײַ איר צונעמען די יתומה, צווייטנס — פֿלעגן די לוריעס אויף איר קוקן, ווי אויף אַן אמתער דינסט. און זי האָט פֿון דעם געליטן.

נאָר לוריעס קינדער זענען עלטער געוואָרן, זיי זענען געפֿאָרן ערגעץ אין אויסלאַנד און אין וואַלד פֿלעגט בלויז זעלטן אַרויסקומען דער אַלטער לוריע: אַ רונדער מיט אַ קורץ בערדל, מיט אַ גאָלדענער קייט און זייגער. ער פֿלעגט צונעמען איסרן אויף עטלעכע טעג: ערגעץ אַרומפֿאָרן מיט אים אין די שכנישע וועלדער, מעסטן און רעכענען און פֿאַרשרײַבן אַלץ אין ביכעלע.

ערגעץ נאָענט־ווײַט האָט מען אויסגעהאַקט אַ גרויסן וואַלד. אין אַ שטילן טאָג, ווען דער ווינט פֿלעגט נישט שטערן, האָט מען גאַנץ גענוי געהערט, ווי די העק האָבן געאַרבעט, ווי די ביימער האָבן געקרעכצט בײַ זייער גסיסה...

דערנאָך, צו הערבסטצײַט נאָך, אין די טרוקענע טעג, פֿלעגן אַ סך פּויערישע פֿורלעך לויפֿן ערגעץ אין דער פֿאַרטיפֿעניש פֿון וואַלד, און צוריק פֿלעגן זיי פֿאָרן לאַנגזאַם מיט לאַנגע, לאַנגע מתים, מיט ביימער...

און ניכע איז געזעסן בײַם טײַכל און געוואַשן. שטענדיק פֿלעגט זי וואַשן גרעט — די פֿרומע ניכע. צילקע פֿלעגט אין אַזעלכע טעג לויפֿן קיין מסטיבאָווע.

און געדענקט האָט צילקע פֿון די יונגע יאָרן, פֿון די קינדהייטסטעג אַ קליין ייִנגעלע, וואָס פֿלעגט קומען צו זיי אין וואַלד מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע לוריע, ער איז געווען דער געליבטסטער, דער געקעכלטער...

סאַשע — האָט ער געהייסן, נאָר טאַטע־מאַמע און אַלע קרובֿים פֿלעגן אים פֿאַרקלענערן דעם נאָמען זײַנעם: סאַשקע, סאַש, סאַשענקע, אַזוי פֿלעגן זיי אים רופֿן. און געהאַט האָבן די קינדער אַ סך שפּילצײַגן: וואַגאָנטשיקעס, לאָקאָמאָטיוון, פּילקעס און אָנגעשטאָפּטע פֿערדלעך, בערעלעך — אַ גאַנצן חיה־גאָרטן.

אַליין האָט ער אויך אויסגעזען ווי אַ בערעלע: אַ דיקינקער, אַ פֿולינקער, פֿלעגט ער זיך שאָקלען אויף זײַנע צוויי פֿיסלעך; אַ קאַפּריזנער, נאָר נישט קיין שלעכטער. מיט צילקען האָט ער געלעבט זייער גוט, נאָר איין מאָל בעת זי האָט נישט געוואָלט זײַן קיין פֿערדל, האָט ער זי אָנגעכאַפּט פֿאַר די האָר און גענומען רײַסן... דאָס איז געווען אַ ווילדער אײַנפֿאַל, ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פֿאַר דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן און עס איז שוין געווען צו

שפּעט, — צילקע האָט גענומען שרײַען אויפֿן גאַנצן וואַלד אַזוי, אַז אַלע זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿן פֿון אַלע זײַטן און סאַשען האָט מען גוט באַשטראָפֿט דערפֿאַר.

דערנאָך האָבן זיי ווידער גוט געלעבט ביזן שפּעטן זומער, ביז די פֿייגעלעך זענען אַוועק אין אַנדערע לענדער און דער וואַלד איז עפּעס שטילער געוואָרן, ערנסטער.

דערנאָך איז אַוועק אַ יאָר — און אַ זומער איז אַוועק. די לוריעס זענען אין דעם יאָר נישט געקומען אין וואַלד. זיי זענען געווען אין אויסלאַנד. דערפֿאַר אויפֿן צווייטן זומער איז געווען זייער פֿריילעך אין וואַלד, סאַשע איז שוין געווען אַ שילער, ער האָט געטראָגן אַ היטל מיט ווײַסע זײַטלעך און מיט אַ קאָקאַרדע.

אויף דער קאָקאַרדע זענען געווען „געען“ און סאַשע האָט פֿאַר צילקען דערקלערט וואָס די צוויי „געען“ באַטײַטן: „גראָדניענסקאַיאַ גימנאַזיאַ“.

זי האָט אַזעלכע זאַכן נישט פֿאַרשטאַנען. ווי אַן עכאָ פֿון אַ טיפֿן תּהום קלינגט אָפּ פֿאַר איר יעדעס וואָרט וועגן יענעם ווײַטן לעבן אין די שטעט.

ער איז שוין געווען אַ שילער — סאַשע, אַ גימנאַזיסט, לאַנגע הייזלעך האָט ער געטראָגן מיט אַ קליין מאַרינאַרקעלע, מיט גלאַנציקע קנעפּ... ער איז דאַן געווען אַזאַ שיין רונד ייִנגעלע, ער האָט אויסגעזען, ווי אַ „גענעראַלסקי סינאָק“.

אַזוי פֿלעגט אים דער טאַטע זײַנער, דער בעל־הבית לוריע, רופֿן. דער אַלטער לוריע פֿלעגט פֿון יאָר צו יאָר דיקער ווערן און ער פֿלעגט אָנטאָן אַלץ אַ גרעסערע און אַ ברייטערע גאָלדענע קייט.

שפּעטער זענען אַוועק עטלעכע יאָר און צילקע פֿלעגט פֿון סאַשען בלויז הערן פֿון דער ווײַטנס. בײַ זיי אין שטוב איז געווען אַ לערער, זי האָט זיך געלערנט לעזן און שרײַבן און פּושקינס מעשׂה מיטן גאָלדענעם פֿישעלע, האָט זי שוין געקאָנט אין גאַנצן אויסנווייניק.

דער לערער איז געווען אַ בחור פֿון אַ יאָר פֿינף און צוואַנציק, ער האָט נאָך אַליין געלערנט: גאַנצע טעג פֿלעגט ער אָפּזיצן איבער ביכער און לערנען און איין מאָל אין יאָר פֿלעגט ער לויפֿן אין שטאָט אָפּגעבן „עקזאַמענס“. גערעדט האָט ער שטענדיק, אַז ער פֿאָרט קיין פּעטערבורג און דאָרט וועט ער ווערן אַ סטודענט...

נאָר דער דאָזיקער לערער איז פֿון זיי אין גיכן אַוועק נישט קיין פּעטערבורג. ער האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ מסטיבאָווער „מויד“, וואָס האָט געהאַט אַ ביסל נדן און דערצו האָט אים נאָך דער שווער געגעבן „קעסט“. אַזוי איז צילקע געבליבן אָן אַ לערער און געווען איז דאָס אין מיטן זומער, אַליין אין גרויסן וואַלד מיט דער מומע ניכע, אַליין מיטן רויש פֿון די ביימער, מיט דעם סודות־לשון פֿון טײַכל.

דער טאַטע איז אַלץ שווײַגנדיקער געוואָרן.

אַ מאָל פֿלעגט צילקען באַפֿאַלן אַ פּחד, אַ גוואַלדיקע איינזאַמקייט, און זי פֿלעגט אַנטלויפֿן קיין מסטיבאָווע צו באַקאַנטע.

אין גאַנצן דריט האַלבן וויאָרסט פֿון וואַלד. זי פֿלעגט גיין צו פֿוס, זי האָט דאָרטן געהאַט ווײַטע קרובֿים. נאָר געווען איז זי אַ שרעקנדיקע און אַ שעמעוודיקע. דער איבערגאַנג פֿון וואַלד אין אַזאַ טומלדיק שטעטעלע מסטיבאָווע, וועלכעס האָט געהאַט הונדערט און פֿופֿציק אײַנוווינער פֿלעגט צילקען איבערראַשן, צעטומלען.

יעדער מענטש האָט אַן אַנדער פּנים. יעדער מענטש רעדט אַנדערש און קוקט אַנדערש און זי איז אײַנגעוווינט בלויז צום טאַטן, צו ניכען, צום לערער און צו נאָך עטלעכע מענטשן...

און צו די גאָלד־מעשענע סאָסנעס איז זי צוגעבונדן.

ווען זי פֿלעגט דערזען אַ נײַעם מענטש, פֿלעגט זי מאָדנע אַ ציטער טאָן, ווי אַ וועווריק; ווען זי פֿלעגט הערן אַ נײַ קול פֿלעגט זי אָנשטעלן אויגן און אויערן; אַ נײַ בגד, אַ נײַער הויז־חפֿץ, וואָס זי האָט בײַ זיך אין וואַלד נישט געזען — אַלץ פֿלעגט צילקען איבערראַשן.

אָפּט מאָל, אין מער גוטמוטיקע רגעס פֿלעגט זי יעדע זאַך אויפֿן קול באַוווּנדערן. פֿלעגט מען פֿון איר לאַכן:

— קאָזקע!

— וואַלד־באַשעפֿעניש!

אַזוי פֿלעגט מען זי רופֿן. זי פֿלעגט זיך פֿאַרשעמען און לויפֿן צוריק אין וואַלד, צו דער מומע ניכע.

און געווען איז זי שוין דאַן אַ מיידל פֿון פֿערצן יאָר, אַ הויכע, מיט לײַכטע טריט...

איין מאָל, בעת זי איז אין אַזאַ פֿאַרנאַכט געקומען צוריק פֿון מסטיבאָווע, איז דער טאַטע איר אַנטקעגן אַרויס. זײַנע אויגן האָבן עפּעס ליכטיק אַ שטראַל געטאָן און באַלד האָט ער זיך פֿונאַנדערגעוויינט.

וואָס איז געשען? צילקע האָט זיך דערשראָקן. דער טאַטע... אַ גרויסער ייִד מיט אַ טונקעלער באָרד... דער טאַטע, אַזאַ שווײַגנדיקער שטענדיק, האָט פּלוצלינג גענומען וויינען, ווי ניכע די מומע.

וואָס איז געשען?

איין וואָרט האָט צילקע פֿון אים געהערט: — פּונקט ווי די מאַמע דײַנע האָסטו איצטער אויסגעזען. און ער האָט זי אַזוי לאַנג, אַזוי וואַרעם געגלעט איבערן קאָפּ.

אין דער דאָזיקער נאַכט איז צילקע נישט געשלאָפֿן, זי האָט געטראַכט פֿון דער געשטאָרבענער מאַמען און פֿון אַלע געשטאָרבענע מענטשן.

פֿאַר וואָס שטאַרבט מען? און וואָס איז מיט די טויטע?

אין מסטיבאָווע איז פֿאַראַן אַ בית־עולם מיט אַ סך מצבֿות — זי האָט עס געזען פֿון ווײַטן... וואָס טוען זיי די טויטע? פֿאַר וואָס האָט מען זיי אַרויפֿגעלייגט אַזעלכע שווערע שטיינער אויף די קבֿרים?

און אויף יענעם בית־עולם אין מסטיבאָווע ליגט אויך באַגראָבן איר מאַמע, וועלכע זי האָט קיין מאָל נישט געזען. געשטאָרבן... און נישטאָ מער אויף דער וועלט.

נישטאָ מער אין וואַלד! צילקע האָט אַ שטאַרקן רחמנות געהאַט אויף דער מאַמען און אויף אַלע געשטאָרבענע.

די מומע ניכע דערציילט, אַז אַלע געשטאָרבענע וועלן אַ מאָל לעבעדיק ווערן. זי האָט באַשלאָסן בײַ דער מומען אַ סך זאַכן צו פֿרעגן.

זי באַדאַרף נאָך צו דער מומען איין שמייכל טאָן און יענע דערציילט אַלץ. נאָר אין דער פֿרי איז די מומע ניכע אַוועקגעפֿאָרן קיין גראָדנע.

געפֿאָרן איז זי פֿאַרריכטן איר שייטל, יעדע פּאָר יאָר פֿלעגט זי פֿאָרן אין שטאָט אַרײַן פֿאַרריכטן דאָס שייטל. דאָס איז געווען פֿאַר דער מומען עפּעס אַ גוואַלדיק געשעעניש, פֿון וועלכן זי פֿלעגט אַ לאַנגע צײַט דערנאָך רעדן.

און צילקע האָט דערווײַל אין וואַלד פֿאַרגעסן אַלע פֿראַגן, וואָס זי האָט געהאַט צו דער מומע ניכע.

נישט אַלע מאָל איז זי, אָבער, אַזוי אומעטיק געווען. עס פֿלעגן אַוועקגיין וואָכן, חדשים און גאַנצע זומערן, זי פֿלעגט לעבן מיטן וואַלד און נאָר אין וואַלד.

דאָרטן זענען דאָך געווען דעם שאָסיי־וועכטערס קינדער.

יענער האָט געהאָדעוועט גענדז און די גענדז פֿלעגן זיך אַ גאַנצן טאָג פּאַשען אויף אַ שטיקל פֿרײַען וואַלד בײַם טײַכל.

די קינדער פֿלעגן שטיפֿן און קוויטשען. צילקע מיט זיי, כאָטש זי איז שוין געווען אַזאַ גרויסע, זי פֿלעגט לייענען ביכלעך און דערציילן דאָס פֿאַר די קינדער.

די מומע ניכע האָט פֿון דעם געליטן: „דאָס קינד" וואַקסט צווישן פֿרעמדע, אין איינזאַמקייט.

פֿלעגט איסר שטענדיק ענטפֿערן:

— מען דאַרף זי אַרויסשיקן קיין גראָדנע. זאָל זי דאָרטן לערנען, די לוריעס וועלן אויף איר אַכטונג געבן.

פֿון די דאָזיקע ווערטער פֿלעגט ניכע נאָך מער לײַדן. זי האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט צילקען.

סוף־כּל־סוף איז דאָך באַשלאָסן געוואָרן צילקען אַוועקצושיקן אין שטאָט אַרײַן. איסר האָט געוואַרט ביז צום סוף זומער.

צילקע האָט עס שוין געוווסט, זי האָט זיך געגרייט אין וועג אַרײַן און האָט זיך אַ ביסל געשראָקן...

— וועסט פֿאָרן אין שטאָט אַרײַן... — פֿלעגט דער טאַטע אָפּט איבעררײַסן זײַן שווײַגן.

— וועסט ווערן אַ פֿרײַלין. אַ געבילדעטע פֿרײַלין, — פֿלעגט צוגעבן מיט טרייסט און מיט קלעמעניש די מומע ניכע.

צילקע פֿלעגט פֿון די אַלע ווערטער זיך אײַנציִען, דער קאָפּ אירער פֿלעגט זיך אַראָפּלאָזן און זי פֿלעגט דאַן אויסזען ווי אַ בלימל, וואָס איז צו שטאַרק דורכגעברענט געוואָרן פֿון דער זון און עס פֿאַרבייגט שוין דאָס קעפּל.

דערנאָך האָט מען צילקען אַוועקגעפֿירט קיין גראָדנע. די לוריעס האָבן זי צוגענומען צו זיך.

— זי וועט דאָ ווערן אַ מענטש! — אַזוי האָבן זיי געטרייסט דעם שווײַגנדיקן איסר, בעת ער האָט זיך שטיל געקלאָגט, אַז אין וואַלד וועט אָן איר זײַן אומעטיק.

און צילקע האָט גענומען בענקען. יעדע רגע פֿלעגט איר פֿאַר די אויגן קומען די מומע ניכע מיט פֿאַרוויינטע אויגן.

— מײַן טײַבעלע, אויף וועמען לאָזסטו מיך דאָ, אויף דער פֿינצטערניש? — דאָס זענען געווען די ווערטער, מיט וועלכע די מומע ניכע האָט זיך מיט צילקען געזעגנט פֿאַר איר אַוועקפֿאָרן.

צילקע האָט געזען, ווי די מומע איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער פֿור און כּסדר געווישט די אויגן, דעם לעצטן קוק האָט זי דאַן געטאָן אויף דער מומען, בעת יענע האָט זיך אָנגעשפּאַרט לעם אַ בוים און געכליפּעט און אַרום זענען געשטאַנען אַ סך, אַ סךביימער, אַלע שווײַגנדיקע; אומעטיק און יום־טובֿדיק האָבן אויסגעזען די ביימער. אויף עטלעכע פֿון זיי האָבן זיך זילבערנע פּאַסן זון אַרומגעוויקלט, אַזעלכע ליכטיקע און דאָך טרויעריקע שטראַלן.

זיי האָבן געפֿלעקט די גרינע צווײַגן, די עלנטע שאָטנס פֿון וואַלד.

מיט איר איז געזעסן דער טאַטע און האָט, ווי אַלע מאָל, געשוויגן.

צילקע האָט דאַן נאָך אַ מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ; האָט זי שוין דער מומען נישט געזען, נאָר אַ שטיק דאַך פֿון זייער הויז האָט אַרויסגעקוקט דורך די ביימער און דאָס איז אויך באַלד פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

עס האָבן גענומען שוועבן נײַע אומבאַקאַנטע לאַנדשאַפֿטן. דער שאָסיי מיט ווײַסע שטיינער, מיט ציפֿער... און דאָ און דאָרט האָבן זיך געזען איינזאַמע ביימער אויף די שטיקער פֿעלדער און צילקען האָט יעדער איינזאַמער בוים דערמאָנט איר טאַטן דעם שווײַגנדיקן.

די פֿור איז געפֿאָרן לאַנגזאַם, נאָר באַרג־אַראָפּ פֿון שאָסיי, פֿלעגט זיך דאָס פֿערדל פֿונאַנדעריאָגן און אין אַזעלכע רגעס האָט זיך צילקען געוואָלט אָנכאַפּן דעם טאַטן פֿאַרן אָרעם און אים בעטן, ער זאָל פֿאָרן צוריק אין וואַלד, צו דער מומען...

זי האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דער מומען. ווי וועט זי טאַקע אויסקומען אָן צילקען? איינע אַליין איז זי דאָרט פֿאַרבליבן.

זיי זענען אַ סך דערפֿלעך פֿאַרבײַגעפֿאָרן. אַ סך הײַזלעך האָט צילקע געזען אין וועג, נאָר אָט זעט זי, אַז פֿון ווײַטן קוקן אַרויס שפּיצן פֿון גרויסע קוימענס, שפּיצן פֿון קלויסטערס און וואָס נענטער זי פֿאָרט צו, אַלץ מער דעכער זעט זי.

— דאָס איז די שטאָט? — פֿרעגט זי בײַם טאַטן.

— יאָ! — ענטפֿערט דער וואַלד־משרת איסר, פּונקט ווי ער וואָלט זיך איצטער דערמאָנט מיט וועמען און צו וואָס ער פֿאָרט דאָ. ער הייבט שווײַגנדיק אויף די האַנט און גלעט צילקען. פּלוצלינג דערשפּירט ער, אַז די פֿינגער, אַז זײַנע פֿינגער באַנעצן זיך...

צילקע האָט געוויינט, פֿאַר וואָס? ער האָט יאָ פֿאַרשטאַנען און נישט פֿאַרשטאַנען, נאָר אונטער זײַן מאַנטל האָט עפּעס אַזוי שטאַרק גענומען דריקן. עס האָט זיך אים אויך געוואָלט וויינען.

נאָר צילקע איז באַלד שטיל געוואָרן, די טרערן זענען גלײַך פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. זי האָט זיך דערפֿילט, ווי אַ געפֿאַנגענער וועווריק, און דאָס חיהלע, בעת מען כאַפּט עס אין שטײַגל אַרײַן, וויינט עס נישט, נאָר ס׳איז בייז און אומעטיק. צילקע איז אויך אַזוי געפֿאַנגען.

שפּעטער, אין שטאָט, האָט צילקע גענומען מורא האָבן, ציטערן פֿאַר יעדער זאַך. פּונקט, ווי מען וואָלט געבראַכט אַ סערנע פֿון וואַלד און זי שפּרינגט אויף בײַ יעדן צו הויכן קלאַפּ, אָדער פֿײַף.

זי האָט מורא געהאַט צו שפּרינגען אויף דער גלאַטער פּראָטירטער פּאָדלאָגע בײַ די לוריעס. זי האָט מורא צו עסן פֿון די כּלים. אַלץ האָט דאָ אַזוי געלויכטן און געשײַנט. אויף יעדן טריט — ליכט און גלאַנץ, בילדער און טעפּעכער.

מען איז צו איר געווען זייער גוט. די לוריעס זענען גוטהאַרציק און דערצו איז נאָך צילקע אַ יתומה.

און פֿאַר פֿרעמדע פֿלעגט מען איר טאַקע אַזוי אָנרופֿן:

— אַ יתומה פֿון וואַלד...

— אַ שיין מיידל, — פֿלעגט עמעצער זאָגן.

— נאָך גאָר אַ קאָזקעלע, — פֿלעגט דער אַלטער לוריע צוגעבן.

ער האָט ליב געהאַט צו שפּאַסן.

און די יתומה פֿון וואַלד, דאָס קאָזקעלע, האָט לאַנג פֿאַר אַלץ מורא געהאַט, זי האָט שטענדיק זיך באַהאַלטן, האָט געוואָלט זײַן אין שאָטן און די לוריעס האָבן געוואָלט פֿאַרקערט: מענטשן זאָלן זען וואָס פֿאַר אַ גוטע זיי זענען, זיי פֿלעגן איר מיטנעמען אין געסט, פֿלעגן זי פֿירן אומעטום.

איין מאָל האָט זי דערהערט אַ גוואַלדיקן פֿײַף. זי האָט זיך אַזוי דערשראָקן דעמלט, זי האָט געוואָלט נעמען לויפֿן.

— קאָזקעלע, דאָס פֿײַפֿט דאָך די באַן, דער לאָקאָמאָטיוו. פֿון באַן האָט שוין צילקע אַ סך מאָל געהערט, נאָר זי האָט עס נאָך קיין מאָל נישט געזען. דאַן ווען זי האָט דערהערט דעם פֿײַף, איז זי געווען מיט די לוריעס בײַ זייערע קרובֿים, אויך אַזעלכע רײַכע און חשובֿע. געלעבט האָבן די קרובֿים נישט ווײַט פֿון וואָקזאַל און די צוגן האָבן כּסדר גערוישט און געפֿײַפֿט. מען האָט צילקען צוגעפֿירט צום פֿענצטער און געוויזן אַ סך רויטע און טונקעלע וואַגאָנעס.

— און יענע, די שוואַרצע, וואָס שטייען און בלאָזן פֿון זיך מיט פּאַרע, דאָס זענען די לאָקאָמאָטיוון, — האָט מען איר דערקלערט.

זי האָט געגלאָצט אויף אַלץ מיט מורא אין די אויגן און געוואָלט האָט זי זיך באַהאַלטן, נאָר זי האָט דאָך געזען, ווי די איבעריקע קינדער מיט סאַשען זענען רויִק, פֿלעגט זי זיך אויך באַרויִקן.

נאָר אומעטיק איז זי געווען. שוין צוויי מאָל איז געקומען פֿון וואַלד דער טאַטע, געבראַכט אירע קליידלעך, וואָס ניכע האָט פֿאַרריכט און אויסגעוואַשן — און יעדעס מאָל האָט דער טאַטע איבערגעלאָזט די זעלבע פֿראַגע, דעם זעלבן אָנזאָג:

— ווען דו וואָלטסט וויסן, ווי די מומע ניכע בענקט נאָך דיר... — צילקען פֿלעגט דאַן נעמען שוועבן דער וואַלד פֿאַר די אויגן מיטן טײַכל, מיט דעם שאָסיי־וועכטערס קינדער. זי האָט שוין עטלעכע מאָל געטראַכט צו אַנטלויפֿן פֿון דאַנען, אַרויסלויפֿן בגנבֿה און לויפֿן, לויפֿן ביז זי וועט קומען צוריק אַהין. נאָר זי האָט מורא געהאַט אַליין אַ טריט צו שטעלן. דאָרטן אין וואַלד איז זי אַזאַ דרייסטע געווען, — אין מיטן נאַכט פֿלעגט זי קיין מסטיבאָווע גיין — און דאָ פֿאַלט אָן אויף איר אַזאַ פּחד.

שווײַגנדיק איז זי געוואָרן דאָ בײַ די לוריעס. יענע זאָגן אויף איר, אַז זי איז געראָטן אין גאַנצן אין שווײַגנדיקן טאַטן. אַפֿילו מיט סאַשען, מיט וועלכן זי פֿלעגט זיך פֿריִער אין וואַלד אַזוי פֿריילעך שפּילן, מיט סאַשען האָט זי אויך געשוויגן.

יענער איז איצט געווען שוין אַ גאַנצער מענטש, האָט געהאַט זײַנע אייגענע וויכטיקע ענינים. ער האָט אָנגעקליבן אַ גרויסע קאָלעקציע מאַרקעס און גאַנצע טעג זיי געקלעפּט און איבערגעקלעפּט אין מאַרקע־אַלבאָם. אויסער דעם פֿלעגן צו אים קומען זײַנע חבֿרים, אויך אַזעלכע גימנאַזיסטן, מיט וועלכע ער פֿלעגט שטיפֿן און נאָכמאַכן די לערער. צילקען האָט ער נישט פֿאַרגעסן, נאָר ער האָט זי איצט נישט געקאָנט צובינדן צו זיך. אַ מאָל, אַז דער שטיפֿער פֿלעגט זײַן גוט געשטימט, פֿלעגט ער זיך נעמען רייצן מיט איר. ער האָט אונטערגעכאַפּט דאָס וואָרט „קאָזקע“ פֿון טאַטן און פֿלעגט עס פֿון מויל נישט אַרויסלאָזן:

— נו, קאָזקע, גיב אַ לאַך!

— גיב אַ שפּרונג, קאָזקע!

און אָט־אָט, בײַ דער יתומה פֿון וואַלד נעמט עפּעס שמייכלען צווישן די ליפּן, באַלד וועט זי עפֿענען איר מײַלעכל און ענטפֿערן פֿריילעך, נאָר פֿון די אייגלעך קוקט אַראָפּ אַ לײַכטע בייזקייט און פֿאַרשליסט די ליפּן און פֿאַרטרײַבט דעם האַלבן שמייכל.

בײַ אַלעמען איז געבליבן, אַז זי וועט זיך אויסלײַטערן, זי איז דאָך אַ „דזשיקע“, זי קומט פֿון וואַלד. עס וועט געדויערן און זי וועט ווערן אַ מענטש מיט אַלע מענטשן גלײַך. מען האָט זי אָנגעטאָן אין אַנדערע קליידלעך.

דער לערער, וואָס האָט געלערנט מיט לוריעס קינדער, האָט אויך מיט איר געלערנט.

דאָך, וואָס מער מען האָט זי געליבט בײַ די לוריעס, אַלץ מער שווײַגנדיק איז זי געוואָרן און מער שרעקעדיק. אין די פֿאַרנאַכטן פֿלעגט זי זיך פֿאַרקלײַבן אין אַ ווינקל, פֿון אַלעמען זיך אויסבאַהאַלטן און וויפֿל דו זאָלסט זי נישט רופֿן — זי פֿלעגט נישט ענטפֿערן.

און בײַ די לוריעס איז אומעטיק נישט געווען. עס פֿלעגן קומען אַ סך געסט, כּמעט יעדן טאָג, יונגע און דערוואַקסענע. דער קלאַוויר פֿלעגט שפּילן און געזאַנג פֿלעגט הילכן.

אין אַזעלכע שעהען איז זיך צילקע געזעסן אין איר ווינקל מיט אײַנגעפּרעסטע ליפּעלעך און געטראַכט אירס אַ לאַנגן אומרויִקן געדאַנק.

זי האָט געטראַכט, אַז דאָרטן אין וואַלד קײַקלען זיך די פֿאַליעס פֿון טײַכל איבער די שטיינער און דער וואַלד שפּרייט אויס זײַנע אָרעמס איבערן וואַסערל און בענטשט אים; אַז ניכע בענקט, דער טאַטע בענקט, דער גאַנצער וואַלד מיט יעדן וועוריק בענקען נאָך איר, נאָך צילקען.

און זי האָט עפּעס אויסגעטראַכט.

איין מאָל האָבן זיך די לוריעס געכאַפּט, אַז צילקע איז נישטאָ: וווּ איז זי? האָט איבער די צימערן געקלונגען איר נאָמען: „צילקע!“ אויף די טרעפּ, אויפֿן הויף, אויף דער גאַס — זי איז אין ערגעץ נישט געווען. האָט מען זי געזוכט אויפֿן בוידעם, אין קעלער און אַפֿילו אין ברונעם — אין ערגעץ נישט געווען.

מען האָט פּאָליציע געמאָלדן.

צום משרת איסר אין וואַלד אַרײַן האָט מען אַוועקגעשיקט אַ שליח: צילקע איז נעלם געוואָרן! גאָט זאָל אויסהיטן — אפֿשר האָט אַן אומגליק געטראָפֿן.

דער שווײַגנדיקער איסר איז געקומען קיין גראָדנע צו די לוריעס און די גאַנצע שטאָט האָט זיך געלאָזט זוכן, פֿאָרשן.

וווּ איז צילקע?

און צילקע איז געווען אין אַ דאָרף בײַ די פּויערים.

פֿאַר נאַכט, זיצנדיק בײַ די לוריעס, ווען אין די איבעריקע חדרים האָט מען געזונגען און געשפּילט, איז צילקע זייער אומעטיק געווען. וואָס העכער מען האָט דאָרט געזונגען, אַלץ גרעסער איז געווען איר בענקשאַפֿט.

און אַליין נישט וויסנדיק, וואָס זי טוט, האָט זי פֿאַרלאָזן דאָס הויז און איז אַראָפּ אויף דער גאַס. פֿון איין גאַס אויף דער צווייטער — ביז זי איז געקומען צום פֿעלד. זי איז געגאַנגען אַלץ ווײַטער. אַרום האָבן זיך פֿעלדער געצויגן, גרילן האָבן געזעגט די לופֿט, אַ שטיק הימל איז נאָך רויט געווען, נאָר וואָס אַ רגע איז אַלץ טונקעלער געוואָרן.

און צילקע איז געגאַנגען פֿאָרויס.

אָט לויפֿט אָן אַ ווינטל, דערלאַנגט אַ גלעט דעם איינזאַמען מיידל און גייט זיך ווײַטער זײַן וועג.

דעם ווינטל איז בעסער פֿאַר צילקען, עס באַדאַרף קיין היים נישט, עס שרעקט זיך נישט פֿאַר קיינעם.

און זי...

זי איז געגאַנגען אין איר געליבטן וואַלד, צו דער מומע ניכען, צום טאַטן צום שווײַגנדיקן. זי איז גיך מיד געוואָרן, און ווען נישט די שרעק, וואָס איז איר איצט באַפֿאַלן, וואָלט זי פֿון מידקייט אומגעפֿאַלן. זי איז געגאַנגען אַלץ ווײַטער. פֿון די עקן וועלט האָבן זיך נאָך געזען טונקעלע וועלדער. וווּ איז אָבער איר וואַלד? עס איז שוין נאַכט, אַרום און אַרום ליגט שוין די פֿינצטערניש. ווײַט־ווײַט אין דער פֿינצטערניש פֿײַפֿט דער צוג, ווי אַ ווילדע חיה — צילקע ציטערט אויף און נעמט לויפֿן אַ דערשראָקענע, אַן עלנטע. זי וואָלט שוין וועלן גיין צוריק, נאָר אומעטום איז פֿינצטער.

זי זעט קיינעם נישט, נאָר זי הערט אַ ווײַטן רויש. דאָס איז דער צוג ערגעץ אין דער פֿינצטערניש אַנטלאָפֿן מיט אַ ברייטן שרעקעדיקן „הו־הו“.

דערנאָך רײַסט זיך דער רויש אָפּ און עס בלײַבט אַ גרויסע שטילקייט, אַן איינזאַמקייט פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

אונטער די פֿיס שאַרט זיך אַ טרוקן בלאַט און דאָס שרעקט.

עטלעכע האָר פֿון צילקעס קאָפּ פֿאַלן אַראָפּ אויף איר פּנים...

און דאָס דערשרעקט אויך. זי ציטערט פֿון אַלץ אויף.

דערנאָך... דערנאָך — געדענקט זי ביז הײַנטיקן טאָג נישט וואָס עס איז פֿאָרגעקומען. זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין אַ דאָרף, אַ פּויערטע איז געזעסן נעבן איר און דערנאָך זענען אַ סך פּויערים געקומען און יעדערער האָט עפּעס געפֿרעגט, נאָר צילקע האָט נישט געענטפֿערט. אויף אַ לאַנגער צײַט איז בײַ איר דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן.

ווער ווייס וואָס מיט איר וואָלט געווען, נאָר אינעם דאָזיקן דאָרף האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אַ גראָדנער ייִד און ווען ער האָט דערזען דאָס ייִדישע מיידל, האָט ער זיך דערמאָנט די געשיכטע אַז פֿון די לוריעס איז אַרויסגעגאַנגען אַ יתומה, אַ וואַלד־מיידל, און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. ער האָט עס געגעבן צו וויסן אין שטאָט.

מען האָט צילקען פֿון דאָרטן צוגענומען און געבראַכט אין וואַלד. קומענדיק אין וואַלד איז זי אַרויפֿגעפֿאַלן דער מומע ניכען אויפֿן האַלדז, האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט און האָט צוריק רעדן גענומען.

די פּויערים, וואָס האָבן געאַרבעט אין וואַלד האָבן דאַן געזאָגט צו איסרן, ער זאָל זי מער אין שטאָט נישט שיקן, ווײַל דאָס קאָן זיך ענדיקן זייער שלעכט: דאָס קינד איז צו פֿיל צונויפֿגעבונדן מיטן וואַלד, אַזאַ ביימעלע קאָן מען נישט איבערפֿלאַנצן.

ביסלעכווײַז איז צילקע געקומען צו זיך און גענומען זיך שפּילן, לויפֿן און בלאָנדזשען איבערן וואַלד.

אין שטאָט האָט מען זי געלערנט אַ ביסל לייענען און חשבונען, האָט זי איצט געהאַט אַן אַרבעט: איבערציילן די ביימער פֿון וואַלד.

פֿלעגט זי אַזוי אָנהייבן ציילן: איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר און שוין בײַ צוואַנציקער פֿלעגט זי זיך פֿאַרפּלאָנטערן און מוזן אויפֿהערן. אַלע סאָסנעס פֿלעגן זיך צונויפֿגיסן, ווי אַ גרויסע גאָלדענע וואַנט און פֿון צילקעס קאַפּריז איז גאָרנישט געוואָרן.

זי האָט גיך אויפֿגעלעבט, נאָר דער זומער איז שוין געגאַנגען צום סוף.

עס איז נאָך געווען אַ לאַנגער וואַרעמער הערבסט.

דערנאָך איז קאַלט געוואָרן. די מומע ניכע האָט צוגעמאַכט די טיר און געהייצט אין אויוון. בײַ נאַכט האָט דער וואַלד געיאָמערט מיט טויזנטער קולות. צילקע האָט ליב געהאַט די דאָזיקע נעכט פֿון לאַנגן שווײַגן און פֿינצטערניש. זי האָט עס ליב געהאַט און דערבײַ האָט זי זיך געשראָקן. די מומע ניכע פֿלעגט איר דערציילן אין אַזעלכע נעכט מעשׂיות פֿון חומש…